בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' במדבר | כ' אייר | תשע"א | פסחים: כ"ח:

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט אין ישיבה גדולה – שיעור א', פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל גלאנצער הי"ו. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:30 ביז 11:00 אזייגער אין אווענט בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א.

## תלמידי ישיבת קנין תורה ד'סאטמאר מאנסי באזוכן אין בית השחיטה המהודרת

פארגאנגענעם זונטאג – ל"ג בעומר העעל"ט, זענען די בחורי חמד תלמידי ישיבת קנין תורה ד'סאטמאר אין מאנסי געווען אויף א לענגערע באזך אינעם בית השחיטה המהודרת אין קרית יואל, בראשות פון הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א, נאכדעם וואס דער רב שליט"א האט זיי פאהרגעערנט עטליכע שיעורים בהל' מליחה.

דער רב שליט"א האט מסביר געווען און געוויזן פאר די תלמידים בטו"ד די גאנצע תהלוכת השחיטה, מליחה א.א.וו.

## דינער לטובת כולל עצי חיים לצדקת ר' מאיר בעה"נ אין בארא פארק

עסקני כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעה"נ פון בני ברק, זענען אין די טעג פארנומען מיט די הכנות צום יערליכען דינער לטובת דעם כולל וועלכע וועט אי"ה פאהרקומען אין בארא פארק דעם קומענדיגן זונטאג נאכט הבעל"ט פ' נשא בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער דינער וועט אי"ה אויך דינען אלס סעודת הילולא צו די יארצייט פון הרה"ק ר' יקותיאל יודא מ'סיגוט הי"ד זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט בו ביום, און אזוי אויך וועט אפגעצייכענט ווערן י"א חודש לפטירת הרבנית הצדיקת ע"ה א"ח כ"ק מרן רביה"ק זי"ע.

איר אייניקל הרה"ג ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין בארא פארק וועט אי"ה אויפטרעטן מיט דברי זכרון.

*-אלקא דמאיר עננו-*

## יערליכע מסיבה לטובת "כולל למצויינים ד'סאטמאר" ירושלים אין אנטווערפן

היינט דינסטאג נאכט קומט פאר אין אנטווערפן די יערליכע מסיבה לטובת דעם סאטמאר'ן כולל אין ירושלים עיה"ק לצדקת רבי מאיר בעל הנס, אין שטוב פון ידידינו הרב ר' יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בבית מדרשינו. דער ציבור ווערט געבעטן זיך אנצורופן ווארעם להחזקת התורה, ואלקא דמאיר ענני געהאלפן צו ווערן מיט שפע ברכה והצלחה וכטו"ס וואס מען דארף צו האבן בגו"ר.

*-שטיצט דעם הייליגן כולל-*

### דרשת פתיחת הזמן אין מבצר בכוללים קרית יואל

היינט פארמיטאג איז אין אויבערשטן שטאק פון היכל מבצר הכוללים אין קרית יואל פאהרגעקומען דער דרשת פתיחת הזמן דורכ'ן ראש הכולל הגה"צ ר' ברוך מיללער שליט"א, און הרה"ג ר' אברהם שלום פרידמאן שליט"א משגיח הכוללים.

## ברוך דיין האמת

היינט נאכמיטאג איז אין בארא פארק פאהרגעקומען די לוי' פון הרה"ח הישיש ר' שלמה זלמן ב"ר משה דוב שווייד ז"ל איידעם פון הגאון הרב ברייש ז"ל בעל חלקת יעקב פון ציריך, מחשובי מתפללי בית מדרשינו אין בארא פארק, וועלכער איז אוועק אין עלטער פון 99 יאהר.

די לוי' איז פאהרגעקומען פארנט פון בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק ווי עס האבן אויפגעטרעטן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו שליט"א און נאך רבנים ואדמור"ים שליט"א, אויפ'ן וועג קיין ארה"ק ווי דער נפטר ווערט קומען לקבורה.

*-ובלע המות לנצח-*
*-בשורות טובות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com
ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.